# אַבֿרהם סוצקעווער
# די מטבע פֿון הימל

## DI MATBEYE FUN HIML

Dit verhaal van Avraham Sutzkever komt uit de bundel *Di nevoeë foen sjwartsaplen*.
In Grine Medine 59/60 staat een vertaling in het Nederlands van Hilde Pach onder de titel *Geld uit de hemel*. De originele Jiddisje tekst is met toestemming van de erven van de auteur op het internet geplaatst .

www.grinemedine.nl

# די מטבע פֿון הימל

אַברהם סוצקעווער

- א -

צו וואָס באַדאַרף מען אין הימל געלט? און ווער שמידט אויס אין די אייבערשטע וועלטן זילבערנע מטבעות? און וואָס, אַ שטייגער קאָן מען פֿאַר די מטבעות דאָרטן קויפֿן: די שטערן, די וואָלקנד-לעך אויף דער לבנה?

אַזעלכע שאלות און געדאַנקען, ווינציקע פֿון גאָר אַ סך, האָבן דורכגעזשומעט נײַגעריק דורך מײַן מוח, ווען שלמה-לייב, מײַן רבי, האָט צום ערשטן מאָל געטײַטלט מיט מיר, אין זײַן פֿאַר-שנייטן כוטער, דעם אַלף-בית און אַ גוטער מלאך האָט פֿאַר מײַנט וועגן און פֿאַר מײַן כּבוד וועגן אַראָפּגעוואָרפֿן אַ זילבערנע מטבע טאַקע אויפֿן סידור, ווו אויף זײַן ערשטער זײַט שימערירן זיי, די אותיות פֿונעם אַלף-בית, ווי שוואַרצע שטערן.

איך קאָן זיי פֿרײַ אַרויסריידן מיטן מויל, אָבער ניט מיט מײַנע אויגן.

צווישן גאָר מײַנע שאלות וואָס איך פֿרעג זיך אַליין אין אויער, איז גאָר קיין שאלה ניט צי די זילבערנע מטבע איז טאַקע באַשטימט פֿאַר מיר און צי דער וואָס האָט זי אַראָפּגעשאָנקען איז אַ וואָרער מלאך. שלמה-לייב וועט ניט זאָגן קיין ליגן. שאַ, איך קאָן אַליין איבערצײַגן: פֿון דער מטבע וואַקסן אַרויס קליינע פֿליגל מיט אַ סודותדיקן בליאַסק, אַן אָנזאָג און אַ סימן צו ווערן זיי געהערן.

איך באַשירעם די מטבע אין דער וואַרעמער נעסט פֿון מײַנע פֿינגער, אין דער לינקער האַנט. אין מײַנע גלידער צעגייט אַ מתיקותדיקער תּענוג. די הימלשע פֿליגל צוקן און היימישן זיך אײַן. אָסור אויב איך וועל זיי הײַנט אַרויסלאָזן אין דער בוריק-רויטער שקיעה.

- ב -

שלמה-לייב איז מײַנער אַ שכן פֿון דערבײַיִקן כוטער אין דער נאָענט פֿונעם טײַך אירטיש. פֿון וואַנען מיר בײדע נעמען זיך אויף דער סיבירער ערד, אויף דעם סיבירער שניי, איז מיר אַ שאָד צו טראַכטן. למען-האמת האָב איך יאָ עפּעס געהערט פֿון טאַטע-מאַמע און איך געדענק זייערע אונטערגעהאַקטע ווערטער: מלחמה, וואָגל... נאָר אויב, קלער איך, די זון האָט מיטגעוואָגלט מיט מיר צוזאַמען, איז ניט אַזוי סטראַשנע.

כ׳האָב אויך געהערט אין אונדזער כוטער, אַז דאָס לעבן אָדער די צײַט ווערט שוין פֿון לאַנגע צײַטן צעשניטן אין אַזעלכע טײלן וואָס מע רופֿט זיי דאָ: יאָרן. וועדליק דעם אָ חשבון בין איך צעשניטן געוואָרן אויף גלײַכע פֿינף טײלן. אַז איכ׳ל צעשניטן ווערן אויף הונדערט חלקים וועל איך אַלט זײַן פונקט הונדערט יאָר.

שלמה-לייב איז אַ הויכער, אַ שוואַרץ-פּנימדיקער. זײַנע שוואַרצע אויפֿגע-גליטע אויגן האָבן דעם זעלבן קאָליר וואָס די הויט אויף זײַן פּנים. אויך זײַן האָריקע באַוואַקסנקייט איז פֿון אייגענעם קאָליר וואָס די הויט. און שפּאַנען שפּאַנט ער, שלמה-לייב, אין הויכע האַרטע וואָליקעס ביז איבער די קני און סקריפּעט אויס, ניין – ער שפּילט אויס מיט זיי איבער די פֿאַרפֿרוירענע שנייפֿונקען אַ לעבעדיקן שטעג צווישן די כוטערס. איך וואָלט קאָנען אַרײַן אין איין וואָליק זײַנעם און זיך אײַנוואַרעמען.

אַלעמאי איך לערן אַלף-בית בײַם שוואַרצן שלמה-לייב און עס לערנט מיך ניט אַלף-בית דער טאַטע, וואָס ער שמט אין דער גאַנצער געגנט פֿאַר אַ גאָטספֿאָרכטיקן מאַן, אַ לערנער און אַ קאָפּמענטש, בין איך שוין געוויר געוואָרן די סיבה: דער טאַטע מײַנער איז קראַנק אויף טיפֿוס און אַ שליטן האָט אים צוגערויבט פֿון אונדזער כוטער.

- ג -

די הימלישע מטבע אין מײַן פֿינגערנעסט קלעפּלט מיט מײַן האַרץ אונטערן פּעלצל, ווען אויף מאָרגן לויף איך ווידער צו שלמה-לייבן, אַז מײַן רבי זאָל אין מיר אַרײַנטײַטלען די ווונדערלעכע אותיות פֿון אַלף-בית. איצטער שוין,

ווי איך שטעל זיך פֿאַר, גיט בלויז יעדער אות באַזונדער, נאָר אות מיט אות צונויפֿגעסיליעט אין ווערטער.

אַ מעת-לעת נאָך אַנאַנד האָב איך מורא פֿונאַנדערצובלאָזן די פֿינגער און צו שפּיגלען זיך אין מײַן הימליש געלט. פֿאַרגינען פֿאַרגין איך ניט מײַנע זינדיקע בליקן הנאה צו האָבן פֿון אַ מלאכס געשאַנק. ווער ווייס פֿון וואַנען ס'קאָן זיך יאַוועט די עין-הרע. אַ צווייטע מטבע וועט אַ מלאך אַזוי גיך ניט אַראָפּ-שענקען. פֿון דעסטוועגן פֿאַרדרײַס איך יעדער ווײַלע דעם קאָפּ מײַנעם צונעם באַלקן בעתן בייגן זיך איבערן סידור.

„יינגעלע, דער סידור איז אונטן", טשוכעט מיך שלמה-לייב.

„איך מיין אַז אויבן", בלײַב איך אים ניט שולדיק.

„וואָסער אויבן, וואָס איז דאָ צו זוכן אויפֿן באַלקן?"

„איך זוך דעם שפּעלטל, אינעם באַלקן מוז דאָך זײַן אַ שפּעלטל."

„וואָסער שפּעלטל? ניטאָ אויבן קיין שפּעלטלעך, וואָס קומט דיר אויפֿן זינען?"

„אויב ניטאָ קיין שפּעלטל איז דאָ אַ שאלה: ווי אַזוי איז דורכן באַלקן אַראָפּגעפֿאַלן צו מיר די מטבע?"

שלמה-לייב ווערט פֿון מײַן שאלה בהלהדיק. זײַן טונקל פּנים דערלאַנגט זיך אַ קײַלעכדיקן קנײַטש, ווי דאָס וואַסער אין אונדזער טיפֿן ברונעם, בעת די קייט לאָזט אַרונטער אין אים אַן עמער און צעבויטעט זײַן שפּיגל.

געשטעלט שלמה-לייב פֿאַר אַ נסיון, באַקום איך אויף אים רחמנות און פּרוביר אים ראַטעווען:

„איך ווייס אַליין! כ'האָב געזען אין דער זילבערנער מטבע אַ פֿייגעלע, ס'איז אַרײַנגעפֿלויגן דורכן קוימען."

- ד -

ווי לאַנג וועל איך האַלטן דעם זילבערנעם סוד אין אַ געפֿענקעניש? אמת, פֿאַר סתּם-אויגן מוז איך אים באַשירעמען, אָבער פֿאַר די אייגענע? כ'וועל זיך אַליין קיין עין-הרע ניט געבן.

דער טאָג איז אויסגעהאַמערט פֿון שניי און שנײַדנדיקער זון, אָבער דער פֿראָסט איז קיניג. אַז מע גיט אַ שפּײַ אין זײַן קיניגרײַך, פֿאַלט אַרונטער אַ שפּליטער אײַז. נאָר איך טו עס ניט, ווײַל אויף די שנייִקע פּליינען הינטער

די כוטערס איז אויסגעשפּרייט אַ גלײַנדיקער אַלף-בית, און אַ הויכער, ווינטיקער שלמה-לייב שאַרט אויף אים דאָרטן אַהין און צוריק מיט זײַן דימענטענעם טײַטל.

בלײַכע, נאַקעטע, אָן אַ פּיצל העמד אויף די ריפּן, שטייען בײַם פֿאַרפֿרוי-רענעם אירטיש די בעריאָזע-ביימער. אַנוסטן האָבן דאָ קירגיזן אויפֿגעלייגט אַ שײַטער, זענען די בעריאָזע-ביימער אויפֿגעלעבט געוואָרן און ס'האָט גע-שלאָגן פֿון זיי אַ וואַרעמער אָטעם. אַצינד איז אויך פֿאַרפֿרוירן דער שײַטער און די בעריאָזע-ביימער אָטעמען קוים אין-זיך, ווי די כוואַליעס פֿון אירטיש אונטערן אײַז. אָבער איך, אין באַשליק און פעלצל און דעם זילבערנעם סוד אין דער פֿינגערנעסט, האָב ניט מורא פֿאַרן פֿראָסט און זײַנע בײַטשן.

צווישן די אָ בעריאָזע-ביימער בײַם פֿאַרפֿרוירענעם אירטיש און אָפּגעזונ-דערט פֿון די כוטערס און מענטשן, וועק איך אויף די מטבע פֿון איר הימ-לישן דרעמל און אַנטפּלעק זי פֿאַר גאָטס וועלט. אירע קליינע פֿליגל ציטערן פֿון גליק. זיי פֿעכלען און שימערירן אין דער אויסגעהאַמערטער לויטערקייט.

איצטער פֿאַרגנבֿעט זיך אין מיר אַ שאלה אַ גאָר אויסטערלישע, און באַלד אַ צווייטע: וואָס איז דער אונטערשייד פֿון הימליש געלט און ערדיש? און וואָס קאָן איך קויפֿן, בין איך נײַגעריק, אויפֿן מאַרק פֿאַר דער מטבע?
אויף דער צווייטער שאלה האָב איך אַן ענטפֿער גלײַך: פֿאַרן גאַנצן מאַרק וועל איך די מטבע ניט אָפּגעבן.
כ'וועל זי אָפּגעבן בלויז פֿאַר אַ רפֿואה, אַז דער טאַטע זאָל געזונט ווערן.
און איך טו אַ קוש מײַן הימליש געלט און באַהאַלט עס אין קעשענע.

- ה -

פֿון זינט כ'האָב אַ קוש געטאָן די זילבערנע מטבע, בין איך צעטומלט און צעשראָקן פֿון איר שאַרפֿן צופּנדיקן ריח. גוואַלדינקעס, ווו האָב איך אַזאַ ריח שוין געשפּירט, בין איך אַ מאָל שוין געווען אין הימל?
עמעץ וויינט אין מיר און די טרערן זענען מײַנע. זיי צעשמעלצן די בערי-אָזע-ביימער אויף דער שויב, נאָר די וואָלקנדלעך אויף דער לבֿנה ווייסן פֿון גאָרניט.

ווען זאָל איך פֿרעגן, וועמען זיך פֿאַרטרויען? דער טאַטע איז ווײַט פֿון דאַנען, ס'האָט אים צוגערויבט פֿון מיר אַ שליטן. די מאַמע איז אויך ניטאָ, איז אים נאָכגעגאַנגען אין שניי נאָך די מעסערדיקע סימנים. זאָל איך פֿרעגן מײַן חבֿרל טשאַנגורי, דעם קירגיז? ער וועט לאַכן פֿון מיר מיט אַ געל געלעכטער, געל ווי די געזאַלצענע פּוטער. ניטאָ קיין ברירה, וועל זיך ניט שעמען און פֿרעגן שלמה-לייבן.

איצטער איז מײַן לערנען גאָר אַנדערש ווי נעכטן און אייערנעכטן. איך פֿאַררײַס ניט מער דעם קאָפּ צום באַלקן, זוך ניט קיין שפּעלטל. זאָל מײַן רבי געדענקען אַז די מטבע איז אַרײַנגעפֿלויגן דורכן קוימען. איך בייג זיך אַלץ נענטער צו אים און צו זײַן טײַטל. נאָר איך הער ניט מער זײַן ברוס-טיקע שטים און איך זע ניט מער די אותיות. איצטער לערן איך בלויז מיט דער *נאָז*, בלויז מיט מײַנע נאָזלעכער.

„וואָס ניוכעסטו?" בעזעמט מיך מיט זײַן שאָטן שלמה-לייב.

„מײַן זילבערנע מטבע... דעם ריח..."

„נאַרעלע, ווייסט ניט אַז איך פֿיר פֿונאַנדער איבער די כורטערס קעראָ-סין? לאָמיר לערנען ווײַטער."

און אַזוי ביזן הײַנטיקן טאָג, צי מיר לערנען יאָ אָדער ניט, איז אויסגע-שפּרייט אויף די שנייִקע פֿליינען הינטער די כוטערס אַ גליִענדיקער אַלף-בית און אַ הויכער, ווינטיקער שלמה-לייב שאַרט אויף אים דאָרטן אַהין און צוריק מיט זײַן דימענטענעם טײַטל...

1977